בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בֹּא

239

תשפ"ב

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש ברסלב**
Heichal Hakodesh Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?............................................א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען נִישְׁט אִין בְּרֶסְלֶב? ...ג

מֶעג מֶען זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט?............................................ו

דַארְף מֶען גֵיין זִיךְ זוּכְן בְּזִיוֹנוֹת?............................................ח

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת, שִׁיעוּרִים, אוּן דְרָשׁוֹת............................................ט

וָואס הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט "אַזוֹי פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי וֶועלְט"?....... יא

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס מַאכְט נַאס?............................................יד

וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דֶער יוֹם טוֹב זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ?............................................ טו

הָאבּ אִיךְ רִיכְטִיג גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?............................................יח

וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ וֶוערְט זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן הֵייבְּט הֶענְט?......... כא


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


גֵיין זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן מַאן אוּן וַוייבּ אִינְאֵיינֶעם............................................א

פַארְוָואס גֵיין אָנְגֶעטוּן פְרָאסְט? אִיךְ הָאבּ דִיר אָנְגֶעקוּקְט מֶער פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ ...ב

טַאטִי גֵייט יֶעצְט לֶערְנֶען, טַאטִי גֵייט צוּם שִׁיעוּר............................................ג

מֶען דַארְף זִיךְ טְרֶעפְן פֶערְזֶענְלִיךְ פוּן צַייט צוּ צַייט............................................ד

ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה............................................ה

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ ........................................ה
מִיטְ'ן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר הָאט אִיר גֶעעֶפְנְט אַ טִיר אִין הִימְל פַּאר יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת..ו
אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְן טַייעֶרֶע צַייט פַּאר זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט נִישְׁט ....................ז
מַאכְן פָּשׁוּטְ'עֶ שִׂמְחוֹת, אָבֶער מִיט שֵׂכֶל ..............................................ח
הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרֶעמֶעלַייט, הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּאנוּצְן מִיט עֶנְקֶערֶע אוֹצְרוֹת.......ט
קֵבֶר רָחֵל אֵשֶׁת רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז נִישְׁט אֱמֶת ........................................ יא
דַיְקָא דוּרְךְ קִינְדֶער וֶוערְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת שְׁטֶערְקֶער ..............................יב
פַּארְדִינְגֶען אַ דִירָה פַּאר דִי פְּרַייז וָואס דִי הַנְהָלָה הָאט יֶעצְט קוֹבֵעַ גֶעוֶוען ........ יג
שָׁלֹש סְעוּדוֹת אִיז אַ צַייט פוּן תִיקוּן הַמַעֲשִׂים, אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה .................יד
פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת........................................................ טז
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר דִי שֵׁיינֶע נְדָבָה פַּאר דִי כּוֹלֵל....................................... טז
זָאלְסְט פְּרֶעגְן אַלֶע שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם דַיָין שְׁלִיטָ"א........................................ יז
וָואס צוּ טוּן פַאר דִי טוֹבָה פוּן אַ נְשָׁמָה........................................... יז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוְון. יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מְחַזֵק זַיין צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, אִיךְ שְׁפִּיר אַזוֹי גוּט נָאכְ'ן זָאגְן תְּהִלִּים, עֶס גֶעבְּט מִיר אַ פְרִישְׁקֵייט מִיט אַסַאךְ כֹּחַ.

אוֹיךְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיךְ מְחַזֵק זַיין צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, אוּן סְפֶּעצִיעֶל דִי עֶרְשְׁטֶע; יֶעדְן טָאג אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ סְקוּל חַזֶר אִיךְ אִיבֶּער אוּן אִיבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין, עֶס שְׁטַארְקְט מִיר מַיין אֱמוּנָה, אִיךְ הוֹיבּ אָן זֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה פַאר מִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ פִּיל אָבֶּער ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְגִינְט מִיר נִישְׁט פָּשׁוּט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיף מַיין פָּנִים, יֶעדֶעס מָאל טְרֶעף אִיךְ אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר בֵּית פֵיגֶא סְקוּל, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ' צוּ זַיין צוּזַאמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע לִיבְּטִיגֶע מֵיידְלֶעךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סוֹף סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): "מַעֲשֶׂה הָיָה בְּצַדִּיק אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִּיק, "שֶׁנָּפַל עָלָיו עַצְבוּת", וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, "וְהָעַצְבוּת כְּשֶׁמִּתְגַּבֶּרֶת עַל הַצַּדִּיק", אוּן וֶוען עֶס פַאלְט אַרוֹיף אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע אוֹיף אַ צַדִּיק, "הִיא קָשָׁה מְאֹד עָלָיו", אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, "כִּי עָלָיו מִתְחַזֶּקֶת בְּיוֹתֵר", וַוייל אוֹיף אַ צַדִּיק אִיז זִיךְ דָאס מִתְגַּבֵּר מֶער וִוי אוֹיף סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ; בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן פוּן פְּלַאץ, "וְרָצָה לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ", דֶער צַדִּיק הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, "וּלְהָרִים עַצְמוֹ", עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיפְהֵייבְן, "וְלֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ בְּשׁוּם דָּבָר", אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, "כִּי בְּכָל דָּבָר שֶׁרָצָה לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ", וַוייל יֶעדֶע זַאךְ מִיט וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן, "מָצָא לוֹ הַבַּעַל דָּבָר בְּתוֹכוֹ עַצְבוּת", הָאט דֶער בַּעַל דָּבָר גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס מִיט וָואס אִים צוּ מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג.

"וְהִתְחִיל לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ בְּשִׂמְחַת 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי'", בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן פְרֵייעֶן בְּשִׂמְחַת 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין גּוֹי; דָאס אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, וַוייל אֲפִילוּ וִוי נִידְרִיג, וִוי גֶעפַאלְן אַ אִיד זָאל נָאר זַיין, אִיז עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט קַיין גּוֹי! אֲפִילוּ דֶער גֶעפַאלֶענֶער אִיד, הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים, דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן דִי קְלֶענְסְטֶע - אִיז נָאכְאַלְץ טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער אוּן הֵיילִיגֶער פוּן אַ גּוֹי.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, בַּיי אַנְדֶערֶע זַאכְן קֶען דֶער יֵצֶר הָרָע צֶעבְּרֶעכְן; דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען טְרֶעפְן אִין יֶעדֶע זַאךְ חֶסְרוֹנוֹת, אָבֶער מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי' - דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן מִיר נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אַ גּוֹי'; בַּיי דֶעם קֶען דֶער יֵצֶר הָרָע נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן.

דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם, עֶר אִיז גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער פְרֵיילִיךְ, בִּיז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׂמְחָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט בְּשָׁעַת עֶר אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל מְקַבֵּל זַיין דִי לוּחוֹת, עַיֵּין שָׁם דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת.

דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד הַשֵׁם אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין גוֹיִם; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, כָּל שֶׁכֵּן אַז מִיר זֶענֶען פוּל מִיט מִצְוֹת, מִיר טוּעֶן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דֶעם וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ.

זַייט שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵׁם, זָאגְט וַוייטֶער תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג אוּן חַזֶר'ט דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס; בְּעִיקָר דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין. אֱמוּנָה שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט וָואס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן.

וְעַל כּוּלָם, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעטְס אִים אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן וָואס אִיר דַארְפְט. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וִויל שְׁטֶענְדִיג שְׁמֵייכְלֶען, זַיין פַּאזֶעטִיוו, שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר"**; מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען נִישְׁט אִין בְּרֶסְלֶב?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעהַאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער מַיינֶע קִינְדֶער וָואס מֶען מַאכְט זֵיי פַאר פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין דִי מוֹסְדוֹת כְּדֵי צוּ מַאכְן גֶעלְט אוֹיף זֵיי, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זֵיי אַרַיינְשִׁיקְן אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מוֹסְדוֹת, אָבֶּער דֶערְוַוייל וִויל מַיין וַוייבּ נִישְׁט הֶערְן דֶערְפוּן.

אִיךְ פָאלְג וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיר אִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן? מַיין הַארְץ גֵייט מִיר אוֹיס פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אִין בֵּית פֵּיגָא.

איך האב געזאגט פאר מיינע טעכטער ביי די סעודה אז שבת איז די בעסטע טאג פון די וואך, האבן זיי געזאגט אז אויך זונטאג איז די שענסטע טאג פון די וואך, ווייל זונטאג איז אויך נישטא קיין סקול.

איך בעט דער ראש ישיבה זאל נישט זיין ברוגז אויף מיר, אבער איך האלט עס נישט אויס, איך וויל מיינע טעכטער זאלן האבן די זיסע לעבן וואס מען באקומט ביים רבי'ן, וואס קען איך טון?

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי נישט דוחק את השעה; די הייליגע חכמים זאגן (ברכות סד.): "כל הדוחק את השעה - השעה דוחקתו", מען זאל זיך נישט עקשנ'ען אז עס מוז יעצט זיין אזוי און אזוי; דו ביסט גערעכט מיט דעם וואס דו ווילסט אז דיינע קינדער זאלן באקומען די לימודים אזוי ווי דו לעבסט, דו ווילסט זיי זאלן אויך לעבן פיר און צוואנציג שעה מיט'ן אייבערשטן, זיי זאלן לעבן מיט דאנקען דעם אייבערשטן, רעדן צום אייבערשטן; אבער אז דיין ווייב עקשנ'ט זיך, זי וויל נישט הערן פון גארנישט - זאלסטו האבן שכל נישט צו רעדן פון דעם.

דו וואוינסט דאך סמוך ונראה צום ציון פון הייליגן רבי'ן זכותו יגן עלינו פון סאטמער, גיי אריף יעדן טאג דארט צום ציון און בעט פאר דיר, פאר דיינע דורות און פאר אלע אידן; ביי א ציון פון א צדיק קען מען פועל'ן גרויסע ישועות. דערציייל אלעס וואס גייט אריבער מיט דיינע קינדער, ווי שטארק דו ווילסט זיי זאלן באקומען א הייליגע חינוך, אן ערליכן חינוך; בעט דעם אייבערשטן זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן, און אלע דורות זאלן זיין ערליך.

דיין ווייב זאלסטו נאר אויפבויען; געב איר גוטע ווערטער, א ווייב

דַארְף מֶען גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט – זָאלְסְטוּ אִיר בַּארוּאִיגְן, זָאג אִיר: "נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע, אִיךְ וֶועל דִיר אַלֶעס גֶעבְּן וָואס דוּ ווִילְסְט"; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַריינְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אִין שְׁטוּבּ, עֶס וֶועט זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**מֶען מַאכְט קִינְדֶער פַאר פְּרָאבְּלֶעמֶען, צוּ מַאכְן גֶעלְט דֶערוֹיף**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד נִישְׁט צוּ דַיין וַוייבּ פוּן אַרַיינְשִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, זִי קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, זִי וֶוערְט פָּשׁוּט מְשׁוּגָע וֶוען דוּ רֶעדְסְט פוּן דֶעם.

אִיךְ וֵויס אַז עֶס גֵייט דִיר מַמָּשׁ אִין לֶעבְּן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן קוּמֶען אִין אוּנְזֶער מוֹסָד, דוּ הַאלְסְט נִישְׁט אוֹיס אַז מֶען מַאכְט פוּן זֵיי אַ קֶעיס, מֶען מַאכְט זֵיי פַאר סְפֶּעצִיעֶלֶע קִינְדֶער, מֶען רַייט אוֹיף דִיר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אַזוֹי טוּט מֶען לֵיידֶער מִיט צֶענְדְלִיגֶער הוּנְדֶערְטֶער קִינְדֶער, מֶען מַאכְט פוּן קִינְדֶער אַ בִּיזְנֶעס, מֶען מַאכְט זֵיי פַאר פְּרָאבְּלֶעמֶען כְּדֵי דִי שְׁטָאט זָאל גֶעבְּן גֶעלְט הַשֵּׁם יְרַחֵם. דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז אָפּ דַיין וַוייבּ, זִי קֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען; זִי הֶערְט נָאר דָאס וָוארְט 'בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מוֹסְדוֹת' – וֶוערְט זִי מַמָּשׁ צֶעדְרֵייט.

דוּ הָאסְט אֵיין בְּרֵירָה, גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט בְּרוּחַ וָנֶפֶשׁ, הֶעלְף מִיר מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר בַּאשֶׁעפֶער אוּן אֱמוּנָה אִין צַדִּיקִים, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, זֵיי זָאלְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידְן"**.

דָאס אִיז דִי וֶועג צוּ בַּאקוּמֶען וָואס מֶען ווִיל, וָואס מֶען דַארְף; תְּפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה.

בְּרוּדֶער טֵייעֶרער, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן הֶעלְפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הֶעלְף דִי מוֹסְדוֹת; בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר דִי יוּגֶענְט. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ אַרְבֶּעט, אַלֶעס אִיז בַּיי מִיר אַ טָפֵל אַנְטְקֶעגְן דִי חֵדֶר אוּן מֵיידְל סְקוּל. בִּיז דֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר שׁוֹין מוֹסְדוֹת אִין דְרֵיי שְׁטֶעט, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין קִרְיַת יוֹאֵל אוּן אִין לִיבֶּערְטִי, נָאךְ אַבִּיסְל עֶפֶּעְנֶען מִיר אִין מָאנְסִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וֶועלְן מִיר אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיטְ'ן גִיבּוֹר גֵייעֶן אַרוּם פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, מֶען נֶעמְט אַלֶעס אַיין מִיט אֵיין כַּוָונָה, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעמֶען צוּם קֶענִיג (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב).

"קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח); אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט - אִיז טַאקֶע אַזוֹי, דַארְף מֶען דָאךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין!

...]

## מֶעג מֶען זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק.

אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט ווִיסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט, אִיךְ ווִיל זָאגְן תְּהִלִּים אָבֶּער נִישְׁט אֵייבִּיג הָאבּ אִיךְ צַייט, אִיךְ קֶען נָאר זָאגְן בַּיינַאכְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט פוּן פּוֹסְקִים (אֶשֶׁל אַבְרָהָם מֵהָרַב הַקָּדוֹשׁ מִבּוּטְשְׁטַאטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹרַח חַיִּים סִימָן רלח, סְעִיף ב) אַז מֶען מֶעג זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט, וַוייל מֶען זָאגְט דָאס דֶערֶךְ בַּקָּשָׁה, אִיז דָאס נִישְׁט אִינֶעם כְּלַל פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט זָאגְן תְּהִלִּים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג) אַז זָאגְן תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, עֶס בְּרֶענְגְט צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, עֶס וַוייזְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ וִויסְן, וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק; בֶּאֱמֶת אִיז דִי גַאנְצֶע תְּהִלִּים דִי הִתְבּוֹדְדוּת פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן סח), דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִתְבּוֹדֵד זַיין דוּרְכְ׳ן טָאג, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע בַּאדִינֶער אוּן סָאלְדַאטְן; עֶר הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל צָרוֹת, וֶוען הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט מִתְבּוֹדֵד זַיין? זָאגְט דֶער רֶבִּי, וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, אִין בֶּעט הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּנְטֶערְן דֶעק הָאט עֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ו, ז): "אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי", אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט אִין מַיין בֶּעט, "בְּדִמְעָתִי", מִיט מַיינֶע טְרֶערְן, "עַרְשִׂי אַמְסֶה", וֶוערְט מַיין בֶּעט נַאס; אִיז גוּט וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אַרַיינְצוּפְלֶעכְטְן אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת, בַּקָּשׁוֹת אוּן לוֹיב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

## דַארְף מֶען גֵיין זִיךְ זוּכְן בְּזִיוֹנוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַלְץ פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּזְיוֹנוֹת, הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב דָאס מֵיינְט אוֹיךְ אַז מֶען קֶען גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וָואס מֶען ווייסְט אַז מֶען וֶועט דָארְט הָאבְן בִּזְיוֹנוֹת? לְמָשָׁל גֵיין צוּ גֶעוִויסֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וואוּ אִיךְ מוּז נִישְׁט גֵיין, אָבֶּער אִיךְ פְּלֶעג דָארְט דַאוֶונֶען פַאר אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען וואוֹנֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן אִיךְ קוּם אַהִין

פון מָאל צו מָאל, אִיז דָא אַן עִנְיָן צו גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וָואס מֶען בַּאקוּמְט בִּזְיוֹנוֹת? אִיךְ רֶעד נִישְׁט פון גֶעפֶערְלִיכֶע בִּזְיוֹנוֹת, אַז מֶען וַוארְפְּט מִיךְ אַרוֹיס וְכַדוֹמֶה, נָאר שְׁטִילֶע בִּזְיוֹנוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן זִיכֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאקְוֶועם דָארְט. אִיךְ קֶען גֵיין דָארְט און בַּאקוּמֶען דִי טְשֶׁעפֶּעס און עֶס אָנְנֶעמֶען פַאר אַ תִּיקוּן, אָדֶער קֶען אִיךְ גֵיין אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וואוּ אִיךְ הָאבּ מִיט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט; וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צו טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי רֶעדְט טַאקֶע אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון הָאבְּן בִּזְיוֹנוֹת, אַז מֶען שְׁוַוייגְט און מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן פַאר עֲבֵירוֹת, מֶען פַארְרֶעכְט מִיט דֶעם אַלְצְדִינְג. פון דֶער אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, חֵלֶק ב', סִימָן ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ", אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ אַנְטְלוֹיפְט פון אַ צָרָה; אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ זוּכְן צָרוֹת? וָואס דַארְפְסְטוּ גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיר?

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן, כְּדַאי אוֹיף צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", וֶוען מֶען הֶערְט וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט און מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, - אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דָאס אַרִיבֶּער צוּ גֵיין פון מֶענְטְשְׁן, נָאר מֶען קֶען הָאבְּן דִי תִּיקוּנִים פון זִיךְ אַלֵיינְס; וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ, וִוי מֶען פַאלְט אִין נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בִּזָּיוֹן, און אַז מֶען אִיז מְקַיֵּים "יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן אִין לֶעבְּן, מֶען דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָאס אַלֵיינְס אַ תִּיקוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת, שִׁיעוּרִים, אוּן דְרָשׁוֹת

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דִי צֶענְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אוֹיךְ גְמָרָא מַסֶכֶת יְבָמוֹת וָואס אִיךְ לֶערְן עַל סֵדֶר הַשַּׁ"ס; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס הָאט מִיר גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

יֶעדֶעס מָאל דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ מִיר מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת, פַארְוָואס אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן נַייעֶ וֶועגְן, גֶעבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל אַ קוּק אִיבֶּער וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעזֶען פַארְדֶעם. אִיךְ בִּין טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען יֶעדֶע נַאכְט צוּ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר דָארְט הָאט בֶּאֱמֶת פְלַייסִיג גֶעזָאגְט דֶעם שִׁיעוּר, אָבֶּער מִיט מִיר הָאט עֶס גָארְנִישְׁט גֶעהַאט. אוּן יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג אָן מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, בְּרַיְתָא, חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מֶדְרָשׁ, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, אוֹצַר הָאֱמוּנָה, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, תְּהִלִּים, שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א. אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ אוֹיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַארְנוּמֶען מִיט מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער בְּלִי עַיִן הָרָע; אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ חֵדֶר, אוּן נָאכְאַלְץ קוּם אִיךְ אָן זֵייעֶר פִּיל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת, שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, דָאס אִיז מַמָשׁ לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל וַוייטֶער קֶענֶען מַרְבִּיץ תּוֹרָה זַיין אָן קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען, מִיט אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן נַחַת מִיט אַלֶעס גוּטְס.

נ. ב. אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען, נִישְׁט אַלְס אַ שְׁאֵלָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט** (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א) **וִוי מֶען הָאט אָפְּגֶערֶעדְט דֶעם שֵׁנִי לַמַּלְכוּת, וֶוען דֶער וִוילְדֶער מֶענְטְשׁ אִיז**

גֶעקוּמֶען צוּם שֵׁנִי לַמַּלְכוּת אוּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "מֶען הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַ נַארִישְׁקֵייט", אוּן אִים גֶעשִׁיקְט צוּ זַיין בְּרוּדֶער וָואס אִיז מְמוּנָה אוֹיף דִי עוֹפוֹת, יֶענֶער בְּרוּדֶער הָאט אִים אוֹיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוּן גֶעזָאגְט: "מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט", אוּן אִים גֶעשִׁיקְט צוּ זַיין בְּרוּדֶער, דֶער וָואס אִיז מְמוּנָה אוֹיף דִי ווִינְטְן; אַלֶע גְרוֹיסֶע ווִילְדֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָפְּגֶעלַאכְט פוּן דֶעם שֵׁנִי לַמַּלְכוּת.

זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן הָאט פַּאר אַלֶעמֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם זֶעלְבְּן לָשׁוֹן: "עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא!" זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "מֶען הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַ נַארִישְׁקֵייט", אוּן עֶר זָאגְט זֵיי דֶעם לָשׁוֹן: "עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא!" זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי ווֶערְטֶער: "בְּ'וַדַּאי יָ'א דָ'א" אִיז "בְּיַד", אִין מַיין הַאנְט; קוּק וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיינֶע הֶענְט.

דִי ווִילְדֶע מֶענְטְשְׁן, דִי מִתְנַגְדִים מַאכְן חוֹזֶק: 'עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע פְּלַאץ', זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן דִי עֵצוֹת וָואס מִיר הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן; וָואס אִיז דִי עֵצָה נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן? אִיךְ קוּק אִין מַיין הַאנְט! וָואס הָאבּ אִיךְ אִין הַאנְט? אִיךְ זֶע וָואס דֶער צַדִּיק גֶעבְּט מִיר; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, אִיךְ עֶנְדִיג יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י, אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ זָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. אַזוֹי אוֹיךְ מִיט גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִיךְ קוּק אִין מַיין הַאנְט, אִיךְ זֶע וָואס אִיךְ הָאבּ אִין הַאנְט, אִיךְ דַאוֶוען, אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אִיךְ לֶעבּ שַׁיין מִיט מַיין וַוייבּ, אִיךְ בִּין מְחַנֵּךְ מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ פוּלֶע אוֹצְרוֹת אִין מַיין הַאנְט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁטַארְקֵייט פוּנֶעם שֵׁנִי לַמַּלְכוּת, עֶר הָאט אַלְץ גֶעקוּקְט אִין זַיין הַאנְט, 'וָואס בַּאקוּם אִיךְ בַּיים צַדִּיק?' אוּן דָאס אִיז דִי שְׁטַארְקֵייט פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. וֶוען עֶס קוּמֶען מִתְנַגְדִים, סֵיי מִתְנַגְדִים אִין דִי לְבוּשׁ פוּן אַ מֶענְטְשׁ, סֵיי מִתְנַגְדִים אִין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, דִי אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים וָואס קוּמֶען אַרַיין אִין פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים: 'בִּין אִיךְ יָא אִין אַ גוּטֶע

פְּלַאץ? בִּין אִיךְ אִין אַ מְשׁוּגָע׳נֶע פְּלַאץ? מֶען הָאט יָא גֶעהַאלְטְן פוּן דִי פְּלַאץ? מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי פְּלַאץ?׳ - אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ קוּקְן: ׳וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?׳

אַזוֹי וִוי בְּגַשְׁמִיוּת לָאזְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיבּ עֶר אִיז מַרְוִיחַ; קֵיינֶער אַרְבֶּעט נִישְׁט בְּחִנָּם, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען צָאלְט נִישְׁט, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט מַרְוִיחַ גוּטֶע רְוָוחִים; אַזוֹי, אוּן נָאךְ מֶער - אִיז בְּרוּחָנִיוּת. אַז אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי, אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ חַבוּרָה - דַארְף אִיךְ שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיבּ אִיךְ בִּין מַרְוִיחַ; אוֹיבּ בִּין אִיךְ מַרְוִיחַ, אִיךְ לֶערְן, אִיךְ דַאוֶוען, אִיךְ בַּאקוּם שָׁלוֹם בַּיִת. אוֹיבּ מֶען הָאט יָא גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם פְּלַאץ אָדֶער נִישְׁט - דָאס גֵייט מִיר שׁוֹין נִישְׁט אָן, אִיךְ קוּק ״בְּיַד״ - אִין מַיין הַאנְט.

גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; לֶערְן מִשְׁנָיוֹת נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אַן עֶנְדֶע, אוּן לֶערְן וַוייטֶער שַׁ״ס כְּסִדְרָן, הֲלָכָה, אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט ״אַזוֹי פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי וֶועלְט״?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל וִויסְן וואוּ אִיךְ קֶען טְרֶעפְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וָואס דִי סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעט אוֹיס אַז עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אַזוֹי פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיין וֶועלְט", וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה אוּן וואוּ קֶען אִיךְ עֶס זֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק א אוֹת אֱמוּנָה, דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטִיקְל אִין שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ. דָארְט אִיז פַארְשְׁרִיבְּן דִי מַעֲשֶׂה אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט עֶס דֶערְצֵיילְט; דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה פּוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶוען:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד מִיט אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט אוֹיף פַּרְנָסָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, עֶר פְלֶעגְט אָפְּדִינְגֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע פוּנֶעם פָּרִיץ יֶעדֶעס יָאר, אָבֶּער דִי קְרֶעטְשְׁמֶע הָאט קוֹים אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט עֶפֶּעס גֶעלְט, עֶס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקְלֶעקְט אוֹיף זַיינֶע טָאג טֶעגְלִיךְ הוֹצָאוֹת, אוּן זִיכֶער אִיז נִישְׁט אַרֵיינְגֶעקוּמֶען גֶענוּג צוּ קֶענֶען צָאלְן פַארְ׳ן פָּרִיץ דִי רַאטֶע, עֶר פְלֶעגְט דַארְפְן בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען צָאלְן פַארְ׳ן פָּרִיץ.

יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ צָאלְן דִי יֶערְלִיכֶע רַאטֶע, הָאט דֶער פָּרִיץ עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט נָאכְאַמָאל פַארְדִינְגֶען פַאר אִים, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט צוּ צָאלְן גֶעהֶערִיג, דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעוָואלְט טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע, אָבֶּער אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶעם אָרֶעמַאן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּדִינְגֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע, וִויסְנְדִיג אַז דָאס לֶעבְּן פוּן דֶעם אָרֶעמַאן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אִיז אָנְגֶעוָואנְדְן אִין דֶעם, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער פָּרִיץ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטְן, הָאט עֶר עֶס ווִידֶער גֶעדַארְפְט פַארְדִינְגֶען פַאר דֶעם אָרֶעמַאן פַאר נָאךְ אַ יָאר.

אֵיין יָאר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע אוּן גְּבַר אַלִּים, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם פָּרִיץ אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גְרֵייט צוּ

צָאלְן פַאר די קְרֶעטְשְׁמֶע פִיל מֶער גֶעלְט פוּן דֶעם אָרֶעמַאן, אוּן דֶער פָּרִיץ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן הָאט טַאקֶע פַארְדִינְגֶען די קְרֶעטְשְׁמֶע פַאר יֶענֶעם.

די אָרְטִיגֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט די שְׁרֶעקְלִיכֶע רִשְׁעוּת, וְוִי אַזוֹי קֶען עֶר זַיין אַזוֹי אַכְזָרִיוּת׳דִיג קֶעגְן דֶעם אָרֶעמַאן מִיט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, אוּן יֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִים צוּרִיקְצוּהַאלְטְן פוּן צוּ טוּן דֶעם רִשְׁעוּת׳דִיגְן אַקְט, עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ קֵיינֶעם, אוּן יָא אָפְּגֶעדִינְגֶען די קְרֶעטְשְׁמֶע.

דֶער פָּרִיץ הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן דֶעם אָרֶעמַאן אוֹיפְ׳ן גַאס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הוֹיז וואוּ צוּ וואוֹינֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס צוּ פִיטֶערְן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת.

פַאר דֶעם רָשָׁע וָואס הָאט אוֹיסְגֶעכַאפְּט דֶעם אָרֶעמַאן, הָאט די הַצְלָחָה אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁיינֶען, וְוִי נָאר עֶר הָאט אָפְּגֶעדִינְגֶען די קְרֶעטְשְׁמֶע אִיז עֶר זֵייעֶר רַייךְ גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אוּן פַאר מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע, פַארְוָואס זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַאר דֶעם רָשָׁע אַזַא גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה?

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט די מַעֲשֶׂה: ״אַזוֹי פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער די וֶועלְט״.

מִיט די מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט אַיינְבַּאקְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ די פְּשׁוּטֶ׳ע אֱמוּנָה, נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מְ׳זֶעט וְוִי אַ רָשָׁע אִיז גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ, מֶענְטְשְׁן טוּעֶן שְׁרֶעקְלִיכֶע רִשְׁעוּת פַאר אַנְדֶערֶע אוּן מְ׳זֶעט נִישְׁט זֵיי זָאלְן בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן אוֹיף דֶעם, פַארְקֶערְט, עֶס גֵייט זֵיי נָאר בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט די אֱמוּנָה אֲפִילוּ מִיט אַ הָאר, מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אַז אֲפִילוּ מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, אִיז אָבֶּער דֶער אֱמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן, אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל, אֲפִילוּ מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן עֶס נִישְׁט.

דוּרְךְ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס הָאט גֶענוֹיעֶם גוּטְן חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל, אֲפִילוּ וֶוען פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן זֶעט עֶס אוֹיס מָאדְנֶע, אָבֶער אַז מְ'לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, צוּ אַ בְּחִינָה פוּן רָצוֹן, רַעֲוָא דְרַעֲוִין, אוּן זוֹכֶה זַיין מַשִּׂיג צוּ זַיין פַארְוָואס עֶס זֶענֶען דָא צַדִּיקִים וָואס גֵייט זֵיי שְׁלֶעכְט, אוּן פַאר רְשָׁעִים גֵייט גָאר גוּט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס מַאכְט נַאס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מַיין זוּן אִיז זִיבְּן יָאר אַלְט אוּן עֶר מַאכְט יֶעדֶע נַאכְט נַאס, וָואס אִיז דִי עֵצָה?

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל הָאבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רַאטֶעוֶועט מַיין עָתִיד אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אִיךְ הָאף אִיךְ זָאל אֵייבִּיג בְּלַייבְּן בַּיי דִי שֵׂכֶל אוּן עֶס גֶעדֶענְקֶען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער דַארְפְן נִישְׁט מִיט הַאלְטְן, וַוייל דִי זַאךְ פוּן נַאס מַאכְן גֵייט אַרִיבֶּער מִיט דִי צַייט, וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער - גֵייט דָאס אַוֶועק; אָבֶער דִי אַנְדֶערֶע זַאךְ, דִי זַאךְ פוּן וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט אוּן צֶעקְלַאפְּט - דָאס אִיז אַ זַאךְ

וָואס בְּלַייבְּט דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן, עֶס מַאכְט חָרוּב דֶעם עָתִיד.

וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן אַז עֶר דֶערְוֶועקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס פַּאסִירְט בַּיי אַסַאךְ קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהַאט בַּיי מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶועְן זֵיי זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, און תְּפִלָּה הֶעלְפְט, תְּפִלָּה טוּישְׁט דִי טֶבַע, תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ; מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן סַבְלָנוּת, מֶען דַארְף בֶּעטְן און וַוארְטְן, און בֶּעטְן און וַוארְטְן - בִּיז מֶען זֶעט דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווי אַזוֹי מַאכְט מֶען דֶער יוֹם טוֹב זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין הִיבְשׁ נָאךְ חֲנוּכָּה, אָבֶער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ גֶעבְּלִיבְּן מִיט שְׁוֶועֶרע גֶעפִילְן פוּן דֶעם יוֹם טוֹב, און דִי זֶעלְבֶּע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען מַאכְן זִיךְ אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע צַייטְן; אִיךְ הָאף דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן אַן עֵצָה פַאר מִיר.

אִיךְ פְלֶעג אַמָאל אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ כֹּחוֹת אִין דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיךְ הָאבּ אַלֵיין צוּגֶעגְרֵייט דִי קְנוֹיטְן, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה פַאר'ן צִינְדְן, און נָאךְ, אָבֶער מִיט דִי יָארְן הָאבּ אִיךְ עֶס אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טוּן, אִיךְ קוֹיף דִי לִיכְט וָואס אִיז גְרֵייט גְלַייךְ צוּם צִינְדְן, אָבֶער יֶעדֶעס מָאל אִיךְ צִינְד עֶס אָן שְׁפִּיר אִיךְ מַמָשׁ ווי אַ פְרֵייעֶר איד וָואס צִינְדְט אָן אַ לֶעקְטֶער-מְנוֹרָה.

נָאךְ דִי חֲתוּנָה בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אַפָּאר יָאר מִיט אַ שְׁטְרַיימְל בַּיים צִינְדְן, אָבֶער אֵיינְמָאל הָאט מַיין וַוייבּ מִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ גֵיי מִיט אַ שְׁטְרַיימְל וֶוען מַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְויסְט וָואס אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן און דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין מִיט אַ שְׁטְרַיימְל. יֶעצְט וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוּנְטֶערְגֶעוואקְסְן הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט צוּרִיק טוּישְׁן, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווי אַזוֹי מְ'טוּישְׁט פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

אוֹיךְ בַּיים זִיצְן בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם גֶעפִיל. דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן אַז מִסְתָּמָא בִּין אִיךְ זֵייעֶר אַ נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁ אַז אִיךְ פִּיל נִישְׁט גָארְנִישְׁט, וַוייל אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶוערְן זֵייעֶר צוּפְלַאמְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט.

אוֹיךְ וֶועגְן שְׁפִּילְן דְרֵיידְל מִיט קְוִויטְלֶעךְ אוּם חֲנוּכָּה, אִיז יֶעדֶעס יָאר דָא אַ גַאנְצֶע וִכּוּחַ בַּיי אוּנְז, וַוייל בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁפִּילְט מֶען נִישְׁט קַיין דְרֵיידְל אוּן נִישְׁט קַיין קְוִויטְלֶעךְ, אָבֶּער בַּיי מַיין שְׁוֶוער שְׁפִּילְט מֶען בֵּיידֶע. אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ שְׁפִּילְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ שְׁפִּילְן קְוִויטְלֶעךְ, אָבֶּער מַיין וַוייבּ וִויל פוּן גָארְנִישְׁט הֶערְן, אוֹיבּ אִיר טַאטֶע הָאט גֶעשְׁפִּילְט קְוִויטְלֶעךְ, אִיז עֶס גוּט.

דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה וָואס דַארְף צוּ זַיין אַ לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶערְבִּיטֶערְט, אִיךְ שְׁפִּיר יֶעדֶעס יָאר וִוי אַנְשְׁטָאט דִי לֶעכְטֶעלֶעךְ זָאלְן שַׁיינֶען אִיז עֶס טוּנְקְל פַאר מִיר.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה, וַוייל עֶנְלִיכֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען חַזֶר'ן זִיךְ אִיבֶּער אוֹיךְ דוּרְכְאוֹיס דִי יָאר, נִישְׁט נָאר אוּם חֲנוּכָּה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דַארְפְסְטוּ מֶער פוּן דִי מִצְוָה אַלֵיינְס? אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה - דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה! וָואס אִיז שַׁיָּיךְ הֶעכֶער וִוי טוּן דִי רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! דִי אַלֶע זַייטִיגֶע זַאכְן אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב, מֶען מַאכְט עֶס נִישְׁט אַוֶועק, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוָה אַלֵיינְס, אַז מֶען טוּט דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן נִישְׁט זוּכְן דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מַאכְן מָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף

זִיךְ זַייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִּמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וְחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם', כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶועט דִי מִצְוָה אָדֶער נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט מַאכְן אֵייגֶענֶע קְנוֹיטְן וְכַדוֹמֶה; אַז דוּ ווִילְסְט מַאכְן אֵייגֶענֶע קְנוֹיטְן - קֶענְסְטוּ מַאכְן, אוּן אַז דוּ הָאסְט צַייט אוּן כֹּחַ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה - גֵיי אוּן מִקְוֶה, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צַייט, כֹּחַ אוּן מֹחַ פַאר דִי זַאכְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט, נָאר גֵיי אָנְצִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בַּיי אַלֶע מִצְוֹת, טוּן דִי מִצְוָה מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ וַוארְטְן אוֹיף גֶעפִילְן, דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז אוֹיבּ מֶען וֵויינְט בַּיי אַ מִצְוָה, מֶען וֶוערְט גוּט דֶעפְּרֶעסְט - דֶעמָאלְט אִיז דָאס אַ גֶעלוּנְגֶענֶע מִצְוָה, אוֹיבּ מֶען זִיצְט בַּיי דִי מְנוֹרָה בְּעַצְבוּת, מֶען וֵויינְט - דָאס אִיז אַ גֶעלוּנְגֶענֶע חֲנוּכָּה, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן מֶען צִינְדְט דִי מְנוֹרָה, מֶען אִיז נִישְׁט טוֹיט דֶעפְּרֶעסְט - דֶעמָאלְט אִיז דָאס אַ שְׁוַואכֶע חֲנוּכָּה.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן. עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס וֶועט זַיין גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ. דַיין וַוייבּ זוּכְט נִישְׁט דַוְקָא

צוּ שְׁפִּילְן קְוִויטְלֶעךְ, זִי ווִיל אַ פְּרֵיילִיכֶער מַאן, אַ פְּרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, אַ פְּרֵיילִיכֶע צַייט אִין שְׁטוּבּ. זִי זֶעט דִיר אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט בַּיי דִי לִיכְט, זָאגְט זִי: "קוּם שְׁפִּילְן קְוִויטְלֶעךְ"; זִי בֶּענְקְט זִיךְ צוּרִיק צוּ אִיר טַאטְן אִין שְׁטוּבּ וֶוען מֶען אִיז גֶעוֶוען פְּרֵיילִיךְ. אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט שְׁמֵייכְלֶען, דוּ וֶועסְט טַאנְצְן, דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער - וֶועט זִי נִישְׁט זוּכְן צוּ שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל. צַדִיקִים זָאגְן אַז עֶס לִיגְט אַ קְלִיפָּה אִין דִי שְׁפִּיל פוּן קְוִויטְלֶעךְ, בַּיי אוּנְז הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעשְׁפִּילְט, אֲפִילוּ אָן גֶעלְט.

לֵייג אַוֶועק אַלֶע חָכְמוֹת, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן חָכְמוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יב): "עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ ווִי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד, מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת; פְרֵיי זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה אַלֵיינְס, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאבּ אִיךְ רִיכְטִיג גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, בְּעִיקָר דִי הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, דָאס גֶעשְׁמַאק אִין אִידִישְׁקֵייט, זַיין פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אַ אִיד אוּן נָאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן שְׁרַייבְּן אוּן זָאגְן.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ הֶער פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה - טוּ אִיךְ אַזוֹי, אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נִישְׁט פּוֹגֵם צוּ זַיין בִּבְרִית, פַארִיגֶע וָואךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, הָאט אַ אִינְגֶל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר וֵויינְט, הָאט עֶר

מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר טוּט דִי עֲבֵירָה, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען גֵייט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר נָאכְאַלְץ גֶעוֵויינְט בְּעֶרֶךְ צֶען מִינוּט, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן. אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דוּ לֶערְנְסְט דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם, קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה. לֵיידֶער אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ שִׁיטָה בַּיי מְחַנְּכִים, נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן קְדוּשָׁה; דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט. וִוי אַזוֹי זָאלְן קִינְדֶער וִויסְן פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן קְדוּשַּׁת הַיְסוֹד, קְדוּשַּׁת הַבְּרִית?!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ תַּקָּנָה אִין זַיינֶע מוֹסְדוֹת אַז דִי מְלַמְּדִים זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, פוּן נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן בְּרִית, נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן חַס וְחָלִילָה אַ צְוֵוייטֶער זָאל קוּמֶען אָנְרִירְן.

עֶס אִיז דָא אָפְּגֶעכַאפְּטֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן אַסִיפוֹת מְלַמְּדִים, וִוי רַבָּנִים, דַיָּנִים אוּן מְלַמְּדִים טַעְנָה'עֶן זִיךְ מִיטְ'ן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זֵיי פְרֶעגְן: "אֶפְשָׁר זָאל מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נִישְׁט בִּכְלַל פוּן וָואס מֶען רֶעדְט, וָואס דַארְפְן זֵיי יֶעצְט אוֹיסְגֶעפוּנֶען פוּן דֶעם נִסָּיוֹן?" הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאךְ בִּיז אַפָּאר יָאר וִויסְן דֶערְפוּן, דַארְף מֶען זֵיי אָנְגְרֵייטְן זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג, נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְמַאנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט אִין בָּבֶל וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים אִין דִי יָארְגֶענְג פוּן אַכְצְן בִּיז צְוָואנְצִיג יָאר, נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵּד, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן גֶעפְרֶעגְט: אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן...? וְאָמַר לִי: "לֹא יָפֶה עָשִׂיתָ שֶׁאַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם", הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: וֵויין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ, אָמַרְתִּי לוֹ: "מִפְּנֵי מָה?" וְאָמַר לִי: "שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְּבָרִים מְכֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִּׂיגָתָן", זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער אוֹיסְגֶעפִירְט: "זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית".

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט צוּם קִינְד פוּן תְּשׁוּבָה, אַזוֹי דַארְף מֶען אַלְץ טוּן, מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן דִי הַארְבְּקֵייט אוּן פוּן עוֹנְשִׁים, אוּן מֶען מוּז עֶנְדִיגְן מִיט אַ וֶועג צוּ קֶענֶען זַיין גוּט, מֶען עֶנְדִיגְט מִיט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה, וֶוען מֶען זָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי זַיין וואוֹיל" - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דַיינֶע תַּלְמִידִים.

...

## וָואס טוט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ וֶוערְט זֵייעֶר אוֹיפְּגֶערֶעגְט אוּן הֵייבְּט הֶענְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, מִיר בֵּיידֶע אַרְבֶּעטְן אַוֶועק צוּ גֶעבְּן אֵיינֶער פַּארְ'ן צְוֵוייטְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין דָאךְ נָאר אַ מֶענְטְשׁ, אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט דֶער בֶּעסְטֶער מַאן, אוּן אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי אַז זִי קֶען וֶוערְן בְּרוֹגֶז, אָבֶּער צוּמָאל גֵייט עֶס שׁוֹין צוּ וַוייט, עֶס גֵייט מִיט הֶענְט.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זִי אִיז בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ רֶעד צוּ אֵיינֶעם אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן; וֶוען זִי וִויל אִיךְ זָאל אַרָאפְּלֵייגְן כַאפּ אִיךְ אַ טוּץ פוּן קוֹלוֹת אוּן זִי גֶעבְּט מִיר אַ בַּייס אַרַיין אִין מַיין הֶענְט. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וֶוען זִי רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, שְׁלָאגְט זִי מִיר פִיזִישׁ. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ כָּאטְשׁ שֵׂכֶל נִישְׁט צוּרִיק צוּ טוּן, נָאר זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן גֵיין צוּ אַ צְוֵוייטֶע צִימֶער פַאר אַפָּאר מִינוּט בִּיז זִי בַּארוּאִיגְט זִיךְ, אִיךְ טְשֶׁעפֶּע אִיר נִישְׁט, בְּסַךְ הַכֹּל אִיז זִי בְּרוֹגֶז אוֹיף זַאכְן וָואס אִיךְ טוּ, לְמָשָׁל אִיךְ קוּם אַהֵיים שְׁפֶּעט, אָדֶער אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען וֶוען זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. זִי שְׁפַּארְט צוּ דִי טִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען, דָאס אִיז אַ הַאלְבֶּע צָרָה, אָבֶּער וֶוען אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם מִיט אַ צֵייכְן אוֹיפְ'ן פָּנִים, אָדֶער גֶעבְּט זִי אַ צֶעבְּרֶעךְ מַיינֶע בְּרִילְן, דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

פוּן אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט - פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז פְרוֹיעֶן בְּלָאזְן אוּן שְׁרֵייעֶן וְכוּ', אָבֶּער שְׁלָאגְן?! גְרַאדְזְשֶׁעןְ? אַלֶעס אִיז בַּארֶעכְטִיגְט?!

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר הֶעלְפְן וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעדְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן אוּן אַהֵיים קוּמֶען שְׁפֶּעט טוּט זֵייעֶר וֵויי פַאר אַ וַוייבּ. עֶס זֶעט אֶפְשַׁר אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינִיקַייט, אַזוֹי וִוי דוּ לֵייגְסְט עֶס אַרָאפּ אִינֶעם בְּרִיוו: 'וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין אַזוֹי שְׁלֶעכְט אוֹיבּ אִיךְ קוּם אַהֵיים שְׁפֶּעט, אוּן אִיךְ רֶעד אוּן שְׁפִּיל זִיךְ אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, פַארְדֶעם זָאל זִי וֶוערְן אַזוֹי בְּרוֹגֶז?! זִי פַארְלִירְט זִיךְ אוּן זִי בַּייסְט מִיר, זִי שְׁלָאגְט מִיר'.

ווייל אִיךְ דִיר זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט, דוּ דַארְפְסְט מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר אוּן זַיין גְרֵייט פַאר אִיר; אַזוֹי אוֹיךְ אִין דִי צַייט וֶוען דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זַייטִיגֶע זַאכְן.

קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט אַז אַ פְרוֹי מֶעג זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְפִירְן, קֵיינֶער גֶעבְּט נִישְׁט גֶערֶעכְט צוּ טוּן אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אֲפִילוּ בְּלָאזְן אוּן שְׁרֵייעֶן אִיז נִישְׁט דִי וֶועג, אוּן זִיכֶער נִישְׁט נִיצְן הֶענְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג:): "נָשִׁים דַּעְתָּן קַלָּה", פְרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, אַ פְרוֹי וֶוערְט שְׁנֶעל פַארְלוֹירְן; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ, "שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", וַוייל פְרוֹיעֶן וֵויינֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל.

נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "לְכַבֵּד וּלְיַקֵּר אֶת אִשְׁתּוֹ", מְכַבֵּד צוּ זַיין דִי וַוייבּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", דִי פְרוֹיעֶן לַיידְן זֵייעֶר אַסַאךְ צַעַר אוּן וֵוייטָאג פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר, וְהַלֵּדָה, וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא, נט.): "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ", מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל רַייךְ וֶוערְן; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יְבָמוֹת סג.): "דַּיֵּנוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת אֶת בָּנֵינוּ", פַאר דֶעם אַלֵיינְס אַז זֵיי צִיעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה - פַאר דֶעם אַלֵיינְס דַארְף מֶען זֵיי מְכַבֵּד זַיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ מֶער פוּן אַלֶעם. קוּם אַהֵיים צַייטְלִיךְ, אוּן וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים - זָאלְסְטוּ אַוֶועק לֵייגְן אַלֶע דַיינֶע שְׁפִּילֶעכְצֶעךְ; דַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, אֵייפַּאד וְכַדּוֹמֶה; גֶעבּ אִיר דִי גַאנְצֶע עֶטֶענְשַׁאן - וֶועט זִי דִיךְ נִישְׁט בַּייסְן, נִישְׁט גְרַאדְזְשֶׁען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## גֵיין זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן מַאן אוּן וַוייבּ אִינְאֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ אָן אַייעֶר מַאן, אוֹיבּ אִיר וִוילְט זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן בַּיינַאכְט - קֶען דָאס זַיין נָאר מִיט אַייעֶר מַאן.

נָאךְ אַ זַאךְ וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, אִיר זָאלְט נִישְׁט קוּקְן קַיין מָאוִויס; נִישְׁטָא אַזַא שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ וִוי קוּקְן מָאוִויס, עֶס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, עֶס הַרְגְ׳עֶט דִי לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט טוּן וָואס אִיךְ בֶּעט אַייךְ; דֶערְמַאנְט זִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעטוּן, אִיר זֶענְט גֶעוֶוען פַארְכַאפְּט אַזוֹי וִוי דִי וַוייבּ פוּנֶעם אָרֶעמַאן אִיז גֶעוֶוען פַארְכַאפְּט בַּיים גֶענֶערַאל (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י׳, מִבֶּערְגֶער וְעָנִי); אִיךְ הָאבּ אַייךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט, אַייךְ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אוּן אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, מֶעג אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג.

וָואס דַארְפְט אִיר פְרֶענְדְס אַז אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן? מֵילָא אַ מֵיידְל לוֹיפְט צוּ פְרֶענְדְס - זִי הָאט נִישְׁט קַיין מַאן, אָבֶּער אִיר הָאט דָאךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט, וָואס דַארְפְט אִיר פְרֶענְדְס?! זֵיי זֶענֶען דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט אַייעֶרֶע פְרֶענְדְס, אוּנְטֶער אַייעֶר רוּקְן לַאכְן זֵיי פוּן אַייךְ, זֵיי בַּארֶעדְן אַייךְ; נָאר אַייעֶר

מַאן אִיז אַייךְ גֶעטְרֵיי, פַּארְוָואס זָאלְט אִיר טוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ פוּן לֵייגְן שְׁלָאפְן דֶעם מַאן אוּן נֶעלָם וֶוערְן פַאר דִי נַאכְט? עֶס אִיז דָאךְ דִי עֶקְלְדִיגְסְטֶע זַאךְ! מִיר וָואלְט זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט אוֹיבּ מַיין וַוייבּ וָואלְט דָאס גֶעטוּן צוּ מִיר.

אִיךְ הָאף אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֵל'ט.

...

## פַּארְוָואס גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט? אִיךְ הָאבּ דִיר אָנְגֶעקוּקְט מֶער פַּארְשְׁטֶענְדְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן אַז דַיין וַוייבּ גֵייט אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט; זַייט דִי חֲתוּנָה הָאט זִי זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס וִוי דוּ שְׁלֶעפְּסְט אִיר אַרָאפּ, דוּ מַאכְסְט חוֹזֶק פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. אַלְס מֵיידְל הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר שֵׁיין, זִי הָאט גֶעהַאט חֵן, יֶעצְט זֶעט זִי אוֹיס חַלָּשׁוּת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

עֶס בַּאדֶערְט מִיר; זִי הָאט מִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעבֶּעטְן אַז זִי דַארְף אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר וָואס וֶועט זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ, אַלֶעס טוּן אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט. זִי זֶעט אוֹיס אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, זִי זֶעט נִישְׁט אוֹיס פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא דוּ גֶעוֶועלְטִיגְסְט אוֹיף אִיר, זִי הָאט מוֹרָא פוּן דִיר, דוּ מַאכְסְט חוֹזֶק; זִי ווִיל נִישְׁט זַיין קַיין חוֹזֶק אִין דַיינֶע אוֹיגְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ בִּיסְט מֶער דֶערְוַואקְסְן, אִיךְ הָאבּ דִיר אָנְגֶעקוּקְט מֶער פַּארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, מֶען קֶען דָאךְ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; פַּארְוָואס נָאכְמַאכְן דֶעם גוֹי? פַּארְוָואס גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט? פַּארְוָואס גֵיין אָנְגֶעטוּן קוּרְץ, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן אוּן גֶעפַּאסְט אוֹיפְ'ן קֶערְפֶּער?! עֶס אִיז דָאךְ עֶקְלְדִיג אוּן גְרוֹילִיג! עֶס אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין נִסָּיוֹן צוּ קוּקְן אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם, וָואס הָאסְטוּ פַיינְט אֵיידְלְקֵייט אוּן שֵׁיינְקֵייט?! אֵיידְל אוּן שֵׁיין - דָאס הָאט חֵן.

אוֹיךְ טוּט מִיר וֵויי אַז דוּ מַאכְסְט אַ צַאמְקוּם פוּן אַפָּאר קָאפְּלְס, מֶען שְׁפִּילְט מֶעגֶער אוּן פְּרוּיעֶן אִינָאֵיינֶעם. דָאס אִיז שׁוֹין חוּצְפָּה! דוּ קוּמְסְט אִין שְׁטֶעטְל וָואס קָאסְט מִיר בְּלוּט אוּן שְׁוֵויס, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג גֵייט מִיר אַוֶועק פַארְ'ן שְׁטֶעטְל, אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטָאט פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת, אַ פְּלַאץ פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, אַ פְּלַאץ וואו מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ פְּלַאץ פוּן אֵיידְלְקֵייט - מַאכְסְטוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס טוּן צוּ מִיר?!

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן פוּן דֶעם; דָאס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר? דַיין וַוייבּ אִיז דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט? נָאר וֶוען דִי חֲבֵרִים מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער זֶענֶען דָארְט?!

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דְרֵיי אוֹיס דֶעם רֶעדְל אוּן הֵייבּ אָן פָארְן דִי גוּטֶע וֶועג; פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ. אַלֶעס קֶענְסְטוּ טוּן מִיט אִיר אַלֵיינְס אָן קַיין חֲבֵרִים, אָן קַיין בִּילְדֶער, אָן קַיין אִינְסְטֶעגְרַאם וְכוּ', אוּן מַאךְ נִישְׁט קַיין מְסִיבּוֹת פוּן קָאפְּלְס. עֶס אִיז עֶקְלְדִיג, גְרוֹילִיג, בְּרֶעכַאכְץ; ווילְסְט שְׁפִּילְן? שְׁפִּיל מִיט אִיר; ווִילְסְט עֶסְן, גְרִילְן, טְשִׁילְן, שִׁיפְלֶען, בֵּייקְן, הֵייקְן - מִיט אִיר אַלֵיינְס, אוּן דַיין אַזוֹיגֶערוּפֶענֶער חַבֵר - לָאז אִים פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ, מִיש נִישְׁט קַיין יוֹצְרוֹת.

...

### טַאטִי גֵייט יֶעצְט לֶערְנֶען, טַאטִי גֵייט צוּם שִׁיעוּר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ קוּמְסְט יֶעדֶע נַאכְט צוּם גְמָרָא שִׁיעוּר, דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז גֵיין צוּ שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה.

וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן אַ גוּטֶע זַאךְ בַּיי זֵייעֶר טַאטֶע - מַאכְן זֵיי דָאס נָאךְ; טוּן צוּ דֶער זַאךְ אִיז מֶער פוּן זָאגְן, הֵייסְן אוּן בַּאפֶעלְן.

וֶוען דו גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דַאוֶוענֶען אָדֶער לֶערְנֶען – זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער, גֵיי נִישְׁט סְתַּם אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אָן זָאגְן וואוּ דוּ גֵייסְט; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "טַאטִי גֵייט יֶעצְט לֶערְנֶען; פָּאלְג מַאמִי, מַאךְ רֵיין דִי שְׁטוּבּ", אָדֶער זָאג: "טַאטִי גֵייט צוּם שִׁיעוּר; לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע אוּן גֵיי שְׁלָאפְן".

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן כְּסֵדֶר: 'טַאטִי גֵייט לֶערְנֶען', 'טַאטִי גֵייט דַאוֶוענֶען', 'טַאטִי גֵייט צוּם דַיָּין', 'טַאטִי גֶעבְּט צְדָקָה'; אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גָאר אַנְדֶערְשׁ.

...

### מֶען דַארְף זִיךְ טְרֶעפְן פֶּערְזֶענְלִיךְ פוּן צַייט צוּ צַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אוּן אוֹיךְ דִיךְ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען.

לֶעצְטְנְס, זַייט מֶען קֶען מִיט הַאלְטְן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר פוּן מָאנְרָא, מָאנְסִי, לֶעיקְוָואד, שְׁטֶעטְל – קוּמְט אוֹיס אַז מֶען זֶעט זִיךְ נִישְׁט פַאר לַאנְגֶע וָואכְן. דוּ זֶעסְט מִיךְ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אָבֶער אִיךְ זֶע דִיךְ נִישְׁט.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר; אֶפְשָׁר וָואלְט כְּדַאי גֶעוֶוען מִזְּמַן לִזְמַן זָאלְסְטוּ יָא אַרַיינְקוּמֶען, וַוייל אֵינוֹ דוֹמֶה רְאִיָּ' לִרְאִיָּ', עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ פָּנִים בְּפָנִים ווִי מֶען זֶעט וְכוּ'.

הָעִקָּר שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; מַאךְ זִיךְ אַ פְּלַאן צוּ עֶנְדִיגְן כָאטְשִׁיג אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן כָּל הַתּוֹרָה כוּלָּהּ.

...

### וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ נוּצְט אוּיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ שִׁיקְט כְּסֵדֶר בִּילְדֶער וִוי דוּ לֶערְנְסְט אִין שְׁטוּבּ, זִי שְׁרַייבְּט אַז זִי הָאט נִישְׁט עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס אִין לֶעבְּן וִוי צוּ זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט אִין שְׁטוּבּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; זִי שְׁרַייבְּט אַז דָאס אִיז אִיר גְרֶעסְטֶע פַארְגֶענוּגְן, צוּ זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט.

וואוּיל אִיז דִיר, וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ נוּצְט אוּיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען, וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן, אַז דָאס מֵיינְט אַלְס בָּחוּר פַאר דִי חֲתוּנָה, אַ טֵייל הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג וַוייל זֵיי וִוילְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן לֶענְגֶערֶע בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן מֵיינְט.

דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז דַוְקָא מִיט אַ וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיב:): "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר - נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה? אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶער זוּן, נוּץ אוּיס דַיינֶע יוּנְגֶע בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן, לֶערְן תּוֹרָה; לֵייג צוּ נָאךְ אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים. בֶּעט דֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ״א עֶר זָאל מַאכְן מִיט דִיר נָאךְ אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַזֶּה וְעוֹלָם הַבָּא.

...

### בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

זָארְגְט נִישְׁט פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ, אַ שִׁידוּךְ הָאט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "אֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים און בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ גוּטֶע עֶרְלִיכֶער מַאן. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶר שְׁטוּבּ זָאל זַיין גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אֱמוּנַת חֲכָמִים, דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָנְגֶעפוּלְט מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און חִיזוּקִים.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## מִיטְ'ן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר הָאט אִיר גֶעעֶפְנְט אַ טִיר אִין הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע ... נֵרוֹ יָאִיר און ... תִּחְיֶ'**

פוּן נֶעכְטְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נֵייעֶס - בִּין אִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ; אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיר הָאט גֶעהַאט דִי כֹּחַ צוּ טוּן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר. אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס אִיר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אִין הִימְל, אִיר הָאט גֶעעֶפְנְט אַ טִיר אִין הִימְל עֶס זָאל קוּמֶען צוּ עֶנְק יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת.

אִיר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַ נַחַת רוּחַ פַאר מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער מְיַסֵּד פוּן אוּנְזֶער שֵׁיינֶע קְהִילָה. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר קְדֻשָּׁתָן וְטָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ בַּארוּמֶען פַאר אַלֶעמֶען מִיט זַיין שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל, אַז רֻבָּם דְרוּבָּם פְרוֹיעֶן זֶענֶען אָפְּגֶעשׁוֹירְן, אֲפִילוּ אַסַאךְ פוּן זֵיי זֶענֶען סְפַרְדִ'ישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת - דָאךְ שֶׁערְן זִיךְ אַלֶע אָפּ.

יֶעצְט בַּארוּמְט זִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ מִיט אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת און עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין קָאפּ פוּן הָאר, אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען הֵיילִיג און טֵייעֶר.

בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא, קִינְדֶער און אֵייניקְלֶעךְ צַדִּיקִים, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין בַּיי אַייךְ שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַהֲבָה וְאַחְוָה

און בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר עֶנְקֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן מִיט הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְּן טֵייעֶרֶע צַייט פַּאר זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט נִישְׁט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, סֵיי מִיטְ׳ן תַּלְמוּד תּוֹרָה; זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים, גֶעבּ זֵיי אַ גוּטֶע גֶעפִיל. עֶס אִיז דָאךְ אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט צוּ זַיין אַ מְלַמֵד; פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ זֵייעֶר מְקַנֵא אַ מְלַמֵד, דִי שְׂכַר פוּן מְלַמְדִים אִיז דָאךְ אֵין לְשַׁעֵר, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ זֵיי גָארְנִישְׁט מְקַנֵא, דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁט מַכִּיר אִין דִי אַרְבֶּעט.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֶעבְּן יֶעדְן מְלַמֵד דִי גֶעפִיל אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן און וֵוייסְן זֵייעֶר אַרְבֶּעט. אוֹיבּ דָא אִיז זַאכְן צוּ פַארְרֶעכְטְן - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן, אָבֶּער אוֹיךְ גֶעבְּן חִיזוּק און אַ גוּטֶע גֶעפִיל.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, סֵיי מִיט דִי הֶערְלִיכֶע גִלְיוֹן און מִיט דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אוֹיפְ׳ן וֶועבְּסַייט, מִיט דִי אִידִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים און מִיט דִי הַאטְלַיין קוֹל בְּרֶסְלֶב. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן וָואס אִיז וִויכְטִיג, אִין וָואס און וואוּ לוֹינְט זִיךְ אַריינְצוּלֵייגְן דִי טֵייעֶרֶע צַייט, לְמַעַן לֹא נִגַע לָרִיק וְלֹא נֵלֵד לַבֶּהָלָה.

אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְּן טֵייעֶרֶע צַייט פַּאר זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט נִישְׁט, מוֹהֲרַנַ״שׁ הָאט גֶעהַאט אוֹיפְ׳ן טִישׁ אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל: ״הַדִּבּוּר הוֹלֵךְ אֶל הָרוּחוֹת״, רֶעדְן גֵייט צוּ דִי לוּפְט, ״וְהַכְּתָב נִשְׁאַר לְדוֹרוֹת״, און גֶעשְׁרִיבֶּענֶע זַאכְן בְּלַייבְּט פַּאר שְׁפֶּעטֶער; אַנְשְׁטָאט אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַּאר אַלֶע שֵׁיינֶע זִיסֶע גֶעדַאנְקֶען פוּן דִי חֲבֵרִים - וָואלְסְטוּ אִין דִי צַייט גֶעקֶענְט

עֶנְדִיגְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, און אִיבֶּערְטַייטְשְׁן הָאֶלֶף לְךָ שְׁלֹמֹה - דִי טוֹיזְנְט קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט.

אִיךְ זָאג נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן; אִיךְ זָאג נָאר, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוֹיב עֶס פֶּעלְט אוֹיס אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דִי טַייעֶרֶע מִינוּטְן פַאר דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן, אַלֶע אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת זָאלְן אוֹיךְ טוּן פַאר אַנְדֶערֶע, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן בְּנֶאֱמָנוּת; גָארְנִישְׁט מֵיינֶען, נָאר טוּן פַאר אַנְדֶערֶע.

...

## מַאכְן פְּשׁוּט'ע שִׂמְחוֹת, אָבֶער מִיט שֵׂכֶל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן, הֱיוֹת אִיר הֶעלְפְט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי דָא אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אַלֶע שִׂמְחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְן צוּשְׁטֶעלְן דִי סְעוּדָה בְּחִנָּם, דוּרְךְ צַאמֶנְעמֶען אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת, יֶעדֶער מַאכְט עֶפֶּעס; עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט. וויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר הֶעלְפְן אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - אַזַא סָארְט זַאךְ; דִי מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן דָארְט הֶעלְפְן מִיט דִי סְעוּדָה בַּיי שִׂמְחוֹת, בַּר מִצְוָה'ס וְכַדוֹמֶה.

מֶען דַארְף עֶס אַוֶועקְשְׁטֶעלְן מִיט שְׁטַארְקֶע תַּקָּנוֹת; פוּן אֵיין זַייט זָאל עֶס זַיין פָּשׁוּט, נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן טֵייעֶר; פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל עֶס נִישְׁט זַיין קַיין חוֹזֶק, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן אַלְטֶע דֶענִישֶׁעס וָואס מֶען הָאט שׁוֹין צוּרִיק גֶעלֵייגְט אִין פְרִיזֶער צֶען מָאל.

שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ פְּרוֹי וָואס זִי זָאל דָאס פִירְן מִיט שֵׂכֶל און פַארְשְׁטַאנְד; אַ פְּרוֹי וָואס קֶען בֶּעטְן אַנְדֶערֶע, אוֹיךְ זָאל זִי פַארְשְׁטֵיין אַז וֶוען אַ מִשְׁפָּחָה זָאגְט זִיךְ אָפּ זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן אַן עֵסֶק וְכוּ', אַ פְּרוֹי וָואס וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַנְדֶערֶע, זוּכְן נָאר דָאס גוּטְס בַּיי אַנְדֶערֶע.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס טוּט חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע אוּן וואוּיל אִיז דִי וָואס זֶענֶען מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי'ן.

...

## הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרֶעמֶעלַייט, הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּאנוּצְן מִיט עֶנְקֶערֶע אוֹצְרוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זַייט אַייךְ מְחַזֵק מִיט דִי אוֹצְרוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג): דֶערְוַוייל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער אָדְלֶער, עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר פוּנֶעם טוּרֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרֶעמֶעלַייט, הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּאנוּצְן מִיט עֶנְקֶערֶע אוֹצְרוֹת"; דֶער אָדְלֶער, דָאס גֵייט אַרוֹיף כִּבְיָכוֹל אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס קְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טוּרֶעם, דֶער טוּרֶעם דָאס אִיז דֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יח, י): "מִגְדַל עֹז שֵׁם ה' בּוֹ יָרוּץ צַדִיק וְנִשְׂגָב". אִינֶעם טוּרֶעם זֶענֶען גֶעזִיצְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּנֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם שִׁיף, וַוייל דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּם צַדִיק זֶענֶען אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ זַאךְ אִין לֶעבְּן וָואס דָאס הָאט זֵיי גֶעמַאכְט מְקוּרָב וֶוערְן, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם צַדִיק וֶוען מֶען אִיז בַּיי זִיךְ פוּל מִיט יֵשׁוּת וְגֵאוּת, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, נָאר וֶוער עֶס אִיז גוּט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ - דֶער נֶעמְט אִין הַאנְט אַ סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל, נָאר דֶער שְׁפִּירְט דִי גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע טַעַם פוּן קִרְבַת אֱלֹקִים.

דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם טוּרֶעם, בַּיים צַדִיק, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרֶעמֶעלַייט", דֶער צַדִיק זָאגְט אוּנְז אִין נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּאנוּצְן מִיט עֶנְקֶערֶע אוֹצְרוֹת"; אַ

מֶענְטְשׁ פַאר זִיךְ אַלֵיינְס וֵוייסְט נִישְׁט וָואס פַאר אַ אוֹצְרוֹת עֶר הָאט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגוֹת עֶר קֶען אַלְץ זוֹכֶה זַיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, דֶער צַדִיק וֶועקְט אִים אוֹיף אוּן אִיז אִים מְעוֹרֵר: "הֵייבּ אָן נוּצְן דַיין מוֹיל, רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב; נֶעם אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא אוּן זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; וְוילַאנְג מֶען לֶעבְּט קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַזֶעלְכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצְרוֹת.

דָאס אַלֶעס אִיז מֶען זוֹכֶה וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק.

מִיר גֶעפִינֶען, דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם, כָּל זְמַן יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעלֶעבְּט - אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין נִסְיוֹנוֹת. אַז מֶען הָאט אַ צַדִיק - אִיז מֶען עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, דֶער צַדִיק בְּלָאזְט אַרַיין חַיוּת, עֶר בְּלָאזְט אַרַיין הָאפֶענוּנְג; אֵיינְמָאל יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, "וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא (שְׁמוֹת א, ו)", - דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, אַלֶע צָרוֹת; אוּן אַזוֹי אִיז עַד הַיּוֹם הַזֶּה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּשָׁר צוּם צַדִיק - הָאט עֶר כֹּחַ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק, נִישְׁט זַיין וִוי פַּרְעֹה, וָואס (רַשִׁ"י שָׁם, ח): "עָשָׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ לֹא יָדַע", - וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס בָּזֶה וּבַבָּא; מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי ר' לִיפָּא וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט קוֹדֶם גֵיין צוּם רֶבִּי'ן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה, אִיז עֶר גֶעוֶוען אוֹיף שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן, בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט אִים שׁוֹין דִי הוֹיט גֶעבְּרֶענְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין קֶענֶען פָארְן צוּם יְרִיד פַארְדִינֶען גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען, הָאט עֶר אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה אַז עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (תִּיקּוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים): "חֲיֵיכַת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא, וּלְבָתַר, קְטִילַת בְּהוֹן", גֶעלְט לַאכְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן שְׁפֶּעטֶער הַרְגְ'עֶט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם מְרַמֵז

זַיין פַאר ר׳ לִיפָּא אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט וְכוּ׳, ר׳ לִיפָּא הָאט זִיךְ אָבֶער פוּן דֶעם בַּאלֵיידִיגְט, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי׳ן אוּן עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "לִיפָּא, וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן, עִמָּנוּ הֱיִיתֶם?!" הָאט אִים ר׳ לִיפָּא גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט", מֵיינֶענְדִיג דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אוּן אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִין דִי תּוֹרָה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "לִיפָּא! פוּן אַזַא רֶבִּי גֵייט מֶען אַוֶועק?! זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) אוּן מִיךְ שְׁלָאגְן וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין!" פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: ׳אִיךְ וֵוייס וֶוער אִיךְ בִּין אוּן אִיךְ וֵוייס גוּט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן פַאר מִיר, אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אוּן וָואס אִיךְ בַּאקוּם נָאךְ יֶעצְט פוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; אִיז אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי זָאל מִיךְ שְׁלָאגְן מִיט אַ דְרָאנְג וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן אַזַא פְּלַאץ׳.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!

...

## קֵבֶר רָחֵל אֵשֶׁת רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז נִישְׁט אֱמֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ לֵיינֶען אַלֶע דַיינֶע בְּרִיוו, זֵייעֶר גוּט אַז דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן מִיט דִי חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ צוּ דִי הֵיילִיגֶע פְּלֶעצֶער; זָאלְסְט הָאבְּן גֶע׳פּוֹעֵל׳ט אַלֶעס גוּטְס אוּן אַ גְרוֹיסְן יַיְשַׁר כֹּחַ פַארְ׳ן בֶּעטְן פַאר מִיר.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז אֵיינֶע פוּן דִי פְּלֶעצֶער וואוּ אִיר זֶענְט גֶעוֶוען מִתְפַּלֵּל זַיין אִיז בַּיי קֵבֶר רָחֵל אֵשֶׁת רֶבִּי עֲקִיבָא; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס אִיז אַן אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע בַּאבֶּע מַעֲשֶׂה. אֵיינֶער הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוֹיסְן

טָאוְול: "קֶבֶר רָחֵל אֵשֶׁת רֶבִּי עֲקִיבָא", אַלֶע וָואס פָארְ'ן אַרִיבֶּער אִין טְבֶרְיָ' אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם קֶבֶר פוּן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס זֶעעֶן דֶעם גְרוֹיסְן טָאוְול: "קֶבֶר רָחֵל אֵשֶׁת רֶבִּי עֲקִיבָא", מֶען מֵיינְט אַז דָארְט אִיז דָא אַ קֶבֶר אוּן מֶען גֵייט אַהִין דַאוֶוענֶען; דָאס אִיז אַ נֵייעֶ זַאךְ, אַ בַּאבֶּע מַעֲשֶׂה אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן פִינְגֶער.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר; זָאג אִים אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט זַיין סִיוּם אוֹיף הַאלְבּ שַׁ"ס אִין יַבְנְאֵל בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיְקָא דוּרְךְ קִינְדֶער וֶוערְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת שְׁטֶערְקֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת אוּן דַיין וַוייבּ זָאגְט זִי אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט מִשְׁלֵי, רֶמֶז תתקלז): "אַשְׁרֵי אָדָם שֶׁאִשְׁתּוֹ מֵעִידָתוֹ", וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זַיין וַוייבּ זָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, אַז עֶר אִיז אַ צַדִיק.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נֵייעֶס, אִיר וַוארְט לְמַזָל טוֹב; דַיְקָא דוּרְךְ קִינְדֶער וֶוערְט דִי שָׁלוֹם שְׁטֶערְקֶער, אוּן דִי קֶשֶׁר - אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָמָא, קִינְדֶער מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ אָנְהֵייבְּן קֶענֶען. עֶס אִיז נִישְׁט וָואר וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ הָאסְט קוֹים חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ אוּן שׁוֹין וַוארְט אִיר וְכוּ'; וֶוער הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט דִי שְׁטוּתִים אַז מֶען דַארְף זִיךְ קוֹדֶם בַּאקֶענֶען אוּן קִינְדֶער שְׁטֶערְט פוּן זִיךְ בַּאקֶענֶען?! דִי שִׁיטוֹת אוּן סְבָרוֹת קוּמְט פוּן דִי לִינְקֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן אוֹיס

דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע לִיגְנְט, אָן קִינְדֶער אִיז דִי לֶעבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה עא, ו) אָן קִינְדֶער אִיז דִי לֶעבְּן אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן; אָךְ אוּן וֵויי פַאר דִי יוּנְגֶע פָּארְפֶּעלְקֶער וָואס לָאזְן זִיךְ פַּארְפִירְן אוּן הַאלְטְן זִיךְ אָפּ וְכוּ׳ צוּלִיב דִי טִפְּשׁוּת פוּן זִיךְ בַּאקֶענֶען, וַוייל נָאר דוּרְךְ קִינְדֶער בַּאקֶענְט מֶען זִיךְ.

נָאכְמָאל, טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זִיךְ אָנְהֵייבְּן בַּאקֶענֶען מִיט דַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְדִינְגֶען אַ דִירָה פַאר דִי פְּרַייז וָואס דִי הַנְהָלָה הָאט יֶעצְט קוֹבֵעַ גֶעוֶוען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס טֵייעֶרֶער ... ?

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר; אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ קֶען פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ, דַיין שַׁדְכָן - בְּקָרוֹב.

בְּנוֹגֵעַ דַיין דִירָה וְכוּ׳; מִשְׁפַּחַת ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר ווִילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען ווּאוֹנֶען אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ דַארְף דִיר נִישְׁט זָאגְן וֶוער זֵיי זֶענֶען, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּבְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן, זֵיי זֶענֶען פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע פִינְף מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אַרְצוֹת הַבְּרִית.

זֵיי זָאגְן מִיר אַז זֵיי וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט דִינְגֶען דַיין דִירָה, אָבֶּער זֵיי זָאגְן מִיר אַז זֵיי זֶענֶען צְוִוישְׁן דִיר אוּן דִי הַנְהָלָה; זֵיי זֶענֶען מַסְכִּים צוּ צָאלְן דִי פְּרַייז וָואס דוּ בֶּעטְסְט, אָבֶּער דִי הַנְהָלָה לָאזְט נִישְׁט הֵייבְּן דִי פְּרַייז, מֶען וֶועט נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער זֵייעֶרֶע אִין מוֹסָד.

דֶערִיבֶּער פְרֶעג אִיךְ דִיר אוֹיבּ דוּ וָואלְסְט מַסְכִּים גֶעוֶוען זֵיי צוּ

פַארְדִינְגֶען דַיין דִירָה פַאר דִי פְּרַייז וָואס דִי הַנְהָלָה הָאט יֶעצְט קוֹבֵעַ גֶעוֶוען - וֶועסְטוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה סֵיי פַאר זֵיי אוּן סֵיי פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל. זֵיי וֶועלְן אַסַאךְ צוּ גֶעבְּן צוּם שֵׁיינְקֵייט פוּן שְׁטֶעטְל, אוֹיךְ וֶועט דָאס זַיין אַ זְכוּת פַאר דִיר, עֶס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אוֹיךְ וֶועלְן אַלֶע אוֹיסְהֶערְן דִי הַנְהָלָה; בֶּאֱמֶת, דִי הַנְהָלָה, זֵיי פַאר זִיךְ - וִוילְן גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען דָא צוּ טוּן מַיין ווִילְן, צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען וואוֹינֶען רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

דִי וָואס הֶעצְן קֶעגְן דִי הַנְהָלָה - דִי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס; אַזוֹי אִיז אִיבֶּעְרָאל אִין אַלֶע קְהִלּוֹת קְדוֹשׁוֹת בְּיִשְׂרָאֵל, דִי הֶעצֶערְס זֶענֶען בִּיטֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן אָן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן נִישְׁט לֶעבְן.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימוּד חוּמָשׁ וְתַרְגּוּם בְּכָל יוֹם, אוֹיךְ לֶערְן מִשְׁנָיוֹת, אוּן אוֹיף אַ דַף גְּמָרָא זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, דָאס זָאל זַיין בַּיי דִיר אַ חֹק קָבוּעַ, אַזוֹי ווִי הַנָּחַת תְּפִילִין. גְּמָרָא אִיז פֵייעֶר פַארְ'ן סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶס פַארְבְּרֶענְט אִים, עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען לֶערְנֶען גְּמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן טוּן אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי גְּמָרָא.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז אַ צַייט פוּן תִּיקוּן הַמַּעֲשִׂים, אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרַאכְפֶעלְד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט; סְעוּדָה שְׁלִישִׁית אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ זִיצְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז אַ צַייט פוּן תִּיקוּן הַמַּעֲשִׂים, אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה, רַעֲוָא דְרַעֲוִין.

אַז דַיין וַוייבּ וויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, זִי זָאגְט אַז דוּ גֵייסְט שׁוֹין אִינְמִיטְן דִי וָואךְ צוּ אַ חַבּוּרָה זִיךְ מְחַזֵק זַיין, אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אִיז גֶענוּג צוּ גֵיין – זָאלְסְטוּ מַאכְן פַארְקֶערְט, זָאלְסְט גֵיין צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אִינְמִיטְן דִי וָואךְ אַז זִי וִויל, זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט (אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק מז, מִכְתָּב ח אֲלָפִים תקפח) דִי זַאךְ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי מִנְהָג בַּיי חֲסִידִים זָאלְן עֶסְן דִי דְרִיטֶע סְעוּדָה צוּזַאמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אַז אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזֶען אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, עֶר זוּכְט אַ מִנְיָן אִידְן; דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעזָאגְט: "ר' אִיד, אִיךְ דַארְף מִנְיָן, אִיר ווילְט אֶפְשָׁר זַיין אַ צֶענְטֶער?" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען, עֶר קוּמְט אַרַיין בַּיים אִיד אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר זֶעט דֶער אִיד טֵיילְט אוֹיס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם לֶחֶם מִשְׁנֶה, מֶען וַואשְׁט זִיךְ, מֶען עֶסְט אוּן מֶען הֵייבְּט אָן זִינְגֶען נִיגוּנִים בִּיזְן זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָזוֹן אוּן גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְרֶעגְט דֶעם אִיד: "וָואס אִיז דִיר אַזוֹי ווִיכְטִיג צוּ הָאבְּן מִנְיָן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת?" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: "דוּ ווֵייסְט דָאךְ, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט עֶס זָאל זַיין מִנְיָן, ווַייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לט.): 'כָּל בֵּי עֲשָׂרָה', וואוּ עֶס זֶענֶען דָא צֶען אִידְן, 'שְׁכִינְתָּא שַׁרְיָא', אִיז דָארְט דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, דֶערִיבֶּער אִיז מֶען מַקְפִּיד פַאר מִנְיָן, שַׁבָּת בַּאקוּמְט דָאךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אַ נְשָׁמָה יְתֵירָה, וויל אִיךְ הָאבְּן מִנְיָן וֶוען דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה גֵייט אַרוֹיס"; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר מְתַקֵן גֶעוֶוען בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל זִיצְן אִינְאֵיינֶעם בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַלֶע צַדִיקִים, צוּ זִיצְן אִינְאֵיינֶעם בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, מֶען רֶעדְט דִבְרֵי תּוֹרָה, מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, אוֹיבּ דוּ הָאסְט אִין שְׁטוּבּ אַ פּוּשְׁקֶע מִיט צְדָקָה גֶעלְט פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד - זָאלְסְטוּ מִיר דָאס בְּרֶענְגֶען וֶוען דוּ קוּמְסְט צוּם שִׁיעוּר, אָדֶער אַרַיינְשִׁיקְן מִיט אֵיינֶעם.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיר בְּרֶענְגֶען דַיין פּוּשְׁקֶע פוּן דַיין קַאר אוּן פוּן אָפִיס; אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר פְרִישֶׁע פּוּשְׁקֶעס, סַיי פַאר שְׁטוּבּ, אָפִיס אוּן קַאר. ווַייל אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין פְרִישֶׁע חוֹבוֹת, אִיךְ דַארְף יֶעדֶע פּוּשְׁקֶע, פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת.

נָאךְ אַ זַאךְ, אַז דוּ זוּכְסְט אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן צַעַר אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען - אַנְטְלוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה. נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן לֶערְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. נֶעם אַ גְמָרָא אוּן לֶערְן גְמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דָאס וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ו, כב): ״בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ״, אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט דִיךְ דִי תּוֹרָה בַּאגְלֵייטְן, ״בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ״, אִין קֵבֶר וֶועט דִיךְ דִי תּוֹרָה אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, ״וַהֲקִיצוֹתָ הִיא תְשִׂיחֶךָ״, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט זַיין פַאר דִיר אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע נְדָבָה פַאר דִי כּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה פַאר אוּנְזֶער כּוֹלֵל; הָאסְט גֶעגֶעבְּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער. קוֹדֶם כָּל דַאנְק

אִיךְ דִּיר פַּאר׳ן הֶעלְפְן דִּי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הַתְמָדָה, אוּן אוֹיךְ פַּאר׳ן מִיר פְּרִיוַואט הֶעלְפְן; וַוייל אַ חוֹדֶשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט צוּ צָאלְן - דַארְף אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען אִין בִּילְד, אִיךְ דַארְף זָארְגְן צוּ שַׁאפְן זֵייעֶר גֶעהַאלְט, יֶעצְט הָאבְן מִיר אוֹיף נָאךְ צְוֵויי חֲדָשִׁים זֵיי צוּ צָאלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִּיר גֶעבְן גְרוֹיס שֶׁפַע, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען גֶעבְן בְּקָרוֹב דָאפְּלְט אוּן טְרִיפְּל פִּי כַּמָּה.

גֶעב אַ גְרוּס פַאר דַיין בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הֶעלְפְּט מִיר זֵייעֶר מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאלְסְט פְרֶעגְן אַלֶע שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ״א

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אַ גְרוֹיסְן יַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אִין דִי מוֹסָד.

בְּנוֹגֵעַ דִי שְׁאֵלָה וֶועגְן כַּשְׁר׳ן וְכוּ׳; אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶענוּמֶען אַ דַיָּין פַאר דִי קְהִילָה, וִויל אִיךְ דִּיר בֶּעטְן זָאלְסְט פְרֶעגְן אַלֶע שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ״א; סַיי דַיינֶע פְּרִיוַואטֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סַיי דִי שְׁאֵלוֹת בְּנוֹגֵעַ דִי מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס צוּ טוּן פַאר דִי טוֹבָה פוּן אַ נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְן אִיר לֶעבְּן פַאר תּוֹרָה, זִי הָאט גֶעקָאכְט פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, זִי אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן פַאר דִי יְשִׁיבָה בְּלֵב

וָנֶפֶשׁ, זִי אִיז יֶעצְט אוֹיבְן אִין גַן עֶדֶן אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ הֶער אַז דוּ פַּאסְט תַּעֲנִיתִים אוּן דוּ טוּסְט כָּל מִינֵי זַאכְן פַּאר אִיר נְשָׁמָה; טוּ נִישְׁט דִי זַאכְן, דוּ וֵוייסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן פַּאסְטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא): "דֶער וָואס וֵוייסְט פוּן מִיר - וָואס דַארְף עֶר פַּאסְטְן? אוּן דֶער וָואס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר - וָואס וֶועט אִים שׁוֹין הֶעלְפְן דִי פַּאסְטְן?" אַז מֶען וֵוייסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זַיינֶע עֵצוֹת - קֶען מֶען עֶסְן, אוּן שְׁלָאפְן, אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צְדָקָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַּאר אַ נְשָׁמָה אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ פַּאר אַ נְשָׁמָה, אָבֶּער דִי תַּעֲנִיתִים - דָאס זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיף דַיין הַארְץ, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּן דִיר, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## זִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשׁ - (ח"א)

רַאטֶעוֶועט!!!!

עֶר הָאט אַ מֶעסֶער!!!!!!

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אַרַאבֶּער, עֶר שְׁרַייט: "אַאַאַאַלַלַלַאַ הוּאַאַאַאַקְבַּבַּאַאַאַררר!!!"

קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, עֶר שְׁטֵייט מִיט אַ כַּעַס, עֶר פָּאכֶעט מִיט זַיין שְׁוֶוערְד, עֶר ווִיל נָאר רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי שְׁטָאט חֵיפָה, דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ יוּנְגֶער אַרַאבֶּער רֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר רֶעדְט, דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג, סַיי אִינְדֶערְפְרִי אוּן סַיי בַּיינַאכְט, יֶעדֶע סְעוּדָה וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעצְן

מִיט דִי גֶעסְט אִיז דֶער אַרַאבֶּער גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן.

בִּיז אֵיינְמָאל קוּמְט עֶר אַרַיין זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט מִיט אַ מֶעסֶער, עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וָואס עֶר וִויל; דָארְט אִיז גֶעוֶועןְ אַ פְּרוֹי פוּן דִי שְׁטָאט וָואלְחְיֵי, וֶוען דֶער אַרַאבֶּער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאט זִי גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "לְמַעַן הַשֵּׁם זָאלְט אִיר אַוֶועקְלוֹיפְן, דֶער אַרַאבֶּער שְׁרֵייט אַז עֶר וִויל מַאכְן אַ מִלְחָמָה מִיט אַייךְ, אַנְטְלוֹיפְט... !"



אַנְטְלוֹיפְט!

דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן צוּם שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּי זְאֵב וָואלְף מְטְשֶׁערְנִי-אוֹסְטְרָאָה; דֶער צַדִיק הָאט דֶעמָאלְט גֶעווּאוֹינְט אִין חֵיפָה, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי אִיז דֶער רֶבִּי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט וָואס דֶער אַרַאבֶּער הָאט גֶעוָואלְט? אוּן וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען?

דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעוֶוען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַן אַרַאבֶּער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר פַיינְט דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אוֹיבּ דֶער רֶבִּי'ס נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן? מַיין זַאךְ אִיז אַוֶועקְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רֶבִּי - עֶר הָאט אַ כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִם יִרְצֶה ה'.


בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה״ג ר'
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com